**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 1/16/2022 **גאווערנאר קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט 2 מיליאן דאלער אין הילף פאר טענאנטן ערזעצט דורך טויטליכער בראנקס פייער

***געלטער אויף צוצושטעלן קעיס מענעדזשמענט, פערזענליכע פארמעגנס ערזעצן, אריבערציען און רענט הילף, און הילף מיט אנדערע קריטיש-וויכטיגע געברויכן פאר ניו יארקער באטראפן דורך איסט 181'סטע סטריט אפארטמענט פייער***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן 2 מיליאן דאלער אין הילף צו העלפן טענאנטן באטראפן דורך דער טויטליכער פייער ביי א 19-שטאקיגע היי-רייז אפארטמענט געביידע אין דעם טרימאנט געגנט פון די בראנקס אום יאנואר 9. פינאנצירט דורך דער סטעיט אפיס פון צייטווייליגע און דיסאַביליטי הילף'ס עמערדזשענסי געברויכן פאר די היימלאזע פראגראם און דורך ניו יארק סטעיט 'האומס ענד קאמיוניטי רינויעל'ס' האוזינג טראסט פאנד קארפארעישען, די דאזיגע הילף וועט צושטעלן פאר טענאנטן קעיס מענעדזשמענט סערוויסעס, פערזענליכע פּראָפּערטי ערזעצונג, און אריבערציען און רענט הילף צו העלפן אדרעסירן קריטיש-וויכטיגע הויזגעזינד נויט.

"ווען איך האב זיך געטראפן מיט די טענאנטן אפעקטירט דורך דער אפארטמענט פייער אין די בראנקס, אריינגערעכנט פילע וועלכע האבן אימיגרירט צו אונזער סטעיט מיט האפענונגען אויף צו טרעפן א בעסערע לעבן, האב איך געקענט זען די אומדערטרעגליכע וויטאג אין זייערע אויגן, און איך האב פארשפראכן זיי צו העלפן זיך צו ערהוילן," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די אלע אפעקטירטע זענען א טייל פון אונזער ניו יארק סטעיט פאמיליע, און מיר וועלן זיי העלפן געבן די שטיצע וואס זיי נויטיגן זיך אויף זיך צו ערהוילן. איך וויל אז די וועלכע זענען אפעקטירט געווארן זאלן וויסן אז מיר וועלן אייך נישט פארלאזן, מיר זענען דא פאר אייך."

**ליוטענאנט גאווערנער ברייען בענדזשאמין האט געזאגט,** "דער גאנצער סטעיט ניו יארק טרויערט מיט די אפעקטירטע דורך די טראגישע פייער אין די בראנקס, אן אומגלויבליכע טראגעדיע וואס האט גענומען די לעבנס פון זון, טעכטער, פרויען, מענער, און פריינט. גאווערנער קעטי האקול און איך ווייסן ביידע אז קיין שום ווערטער קענען נישט אוועקנעמען די ווייטאג פון די פארלוסטן מיטגעמאכט דורך פאמיליע מיטגלידער און פריינט פון די וועלכע זענען פון אונז צו פרי אוועקגעריסן געווארן. דורך די קרבנות פארגוטיגונג קאסע, וועלן מיר באזארגן פאר אונזערע ניו יארקער מיט-בירגער מיט וואספארא שטיצע זיי דארפן האבן, און מיר זענען אנטשלאסן דאס צו טון — אינאיינעם מיט די שטאט ניו יארק — אין די קומענדע חדשים און יארן."

אונטער גאווערנער האקול'ס אנווייזונגען וועט OTDA ארבעטן מיט בראנקס-וואורקס, א נאָנפּראָפיט ארגאניזאציע קאנטראקטירט דורך די סטעיט'ס עמערדזשענסי געברויכן פאר היימלאזע פראגראם, צו באזארגן עמערדזשענסי האָוזינג קעיס מענעדזשמענט און בענעפיט הילף פאר די אפעקטירט פון דעם טראגישן פייער. בראנקס-וואורקס וועט צושטעלן אינטעיק שטאב ביי דער סערוויס צענטער וואס ניו

יארק סיטי האט אוועקגעשטעלט ביי מאנראו קאלעדזש׳ס אוסטין זאל, וואס געפונט זיך נעבן די אפיסעס פון דער נאָנפּראָפיט ארגאניזאציע.

בראנקס-וואורקס וועט צושטעלן פייער קרבנות מיט קעיס מענעדזשמענט סערוויסעס, פערזענליכע פראָפּערטי ערזעצונג, אריבערציען הילף, רענט הילף, באערדיגונג הילף, און אנדערע שטיצע צו העלפן נאכקומען קריטיש-וויכטיגע הויזגעזינד נויט ווי צ.ב.ש. פארלוסט פון איינקונפט צוליב דער טויט פון א הויזגעזינד מיטגליד. ערזעצטע הויזגעזינדער קענען מעגליך באקומען נאך הילף, ווענדנדיג אויף זייערע אומשטענדן.

דער אפיס פאר נייע אמעריקאנע ארבעט איצט אויף צו באהעפטן פערזאנען מיט אימיגראציע לעגאלע הילף לויט ווי עס נויטיגט זיך.

״האָומס ענד קאָמיוניטי רינועל״ האט באשעפטיגט CVR, א נאציאנאלע ארגאניזאציע פאקוסירט אויף אדמיניסטרירן סעקשען 8 האוזינג טשאויס וואוטשער און באזארגן אריבערציאונג הילף. די ארגאניזאציע וועט העלפן צושטעלן שטיצע פאר פאמיליעס וואס זוכן זיך אריבערציען.

דער פייער וואס האט אויסגעבראכן ביי א דופלעקס אפארטמענט אויף דער צווייטע און דריטע שטאק פון די היי-רייז געהארגעט 17 איינוואוינער, אריינגערעכנט יונגע קינדער, און פארוואונדעט איבער 40 אנדערע. צו יענע צייט זענען געווען 118 אקופירטע יוניטס אין דער געביידע.

די עמערדזשענסי געברויכן פאר היימלאזע פראגראם באזארגט פאר די עמערדזשענסי געברויכן פון יחידים און פאמיליעס וואס מאכן מיט היימלאזיגקייט און די וועלכע זענען ריזיקירט אויף צו ווערן היימלאז. געלטער ווערן געניצט צו פארשטערקערן עקזיסטירנדע פראגראמען וועלכע באזארגן סטאביליזירונג סערוויסעס און העלפן די יחידים און פאמיליעס געפונען זעלבסטשטענדיגקייט.

**OTDA אמטירנדע קאמיסיאנער דעניעל דאָבּליו. טיעץ האט געזאגט,** ״דער איסט 181 סטריט אפארטמענט פייער האט געשאפן אומגלויבליכע טרויער און ווייטאג פאר די טענאנטן פון דער געביידע און זייערע פאמיליעס. זיי העלפן דורכקומען דער טראומא הויבט זיך אן מיט פארזיכערן אז האבן צוטריט צו די נויטיגע שטיצע און הילפס-מיטלען אנצוהויבן נאכאמאל. דורך דעם פראגראם קענען מיר העלפן די וועלכע זענע ערזעצטע דורך פייער צו געפונען צייטווייליגע אדער פערמאנענט האָוזינג, ערזעצן געשעדיגטע פּראָפּערטי און שאפן אנדערע שטיצע צו העלפן זיי סטאביליזירן זייערע לעבנס און זיך ערהוילן פון דער טראגעדיע.״

**HCR קאמישענער רוט-ענע וויסנאוסקאס האט געזאגט,** ״ניו יארק סטעיט וועט ווייטער טון אלץ וואס מעגליך צו העלפן די באטראפענע דורך דער טראגעדיע. מיר בלייבן אקטיוו אין פארבינדונג מיט טענאנטן, ניו יארק סיטי באאמטע, דער פּראָפּערטי אייגנטימער, און דער צוגענגליכע האָוזינג קאמיוניטי צו פארזיכערן אז עס זענען פאראן אפציעס פאר הויזגעזינדער וועלכע דארפן האבן סיי קורץ און סיי לאנג-טערמיניגע אריבערציאונג. דורך דאס שאפן דעם וויכטיגן פאָנד האט דער גאווערנער געוויזן אז איינוואוינער וועלן האבן די פינאנציעל שטיצע און הילפס-מיטלען אין וואס זיי נויטיגן זיך אויף צוריק צוזאמצושטעלן זייערע לעבנס און געפונען זיכערע און אפגעהיטענע האָוזינג.״

ניו יארק סיטי יומען ריסורסעס אדמיניסטראציע קאארדינירט די באלדיגע פארלייכטערונג באמיאונגען און באזארגט אויך באערדיגונג אויסגאבן פאר קרבנות. דער אמעריקאנער רויטער קרייץ באזארגט קווארטיר פאר קרבנות אויף ביז צוויי וואכן און געלט הילף פאר די פאמיליעס פון די געשטארבענע.

**ניו יארק סיטי דעפארטמענט פון סאציעלע סערוויסעס קאמיסיאנער גערי דזשענקינס האט געזאגט,** ״מיר געבן אונזערע הערצליכע טרייסט-ווערטער און מיטלייט צו די אלע וועלכע זענען באטראפן געווארן דורך דער אומגלויבליכער טראגעדיע, און מיר זענען אנטשלאסן צו טון אלץ וואס מיר קענען צו שטיצן די טענאנטן אין משך פון די אויסערגעוויינטליכע שווערע צייטן. מיר לויבן דער סטעיט׳ס איניציאטיוו אין ביישטייערן צו די באמיאונגען און צושטעלן נויטיגע הילף צו אונזערע ניו יארקער מיט-בירגער אזוי ווי מיר ארבעטן אינאיינעם צו העלפן איבערבויען דער קאמיוניטי אין איר גרעסטע צייט פון נויט.״

**בראנקס-ווארקס עקזעקיוטיוו דירעקטאר איילין טארעס האט געזאגט,** ״צו זיין אפרופנד צו די נויטבאדערפענישן פון אונזערע בראנקס שכנים אלעמאל אבער איבערהויפט נאך אזא אומשאצבארע טראגעדיע איז דער קערנדל פון דער בראנקס-ווארקס אויפגאבע. מיט די איסט 181׳סטע סטריט אפארטמענטס וואס געפונען זיך בלויז עטליכע בלאקס פון אונזערע אפיסעס, די פאמיליעס און יחידים וועלכע האבן מיטגעמאכן דער שרעקליכער פייער זענען אונזערע שכנים, במלוא מובן המילה, און דערפאר זענען מיר שטאלץ צו שטיין מיט זיי אינאיינעם אין זייער צייט פון נויט. מיר אפלאדיר גאווערנער האקול פאר מיטלייד און פאר איר פירערשאפט צו העלפן באזארגן פאר דער קאמיוניטי מיט די הילפס-מיטלען אנצוהויבן זיך צו ערהוילן פון דער שרעקליכער פאסירונג.״

**פראדיק ראשע, מיט-טשיעף עקזעקיוטיוו אפיסער פאר CVR אסאסיעטס, האט געזאגט,** ״יארן לאנג שוין האבן מיר נאענט געארבעט אינאיינעם מיט די מענטשן פון די בראנקס, און מיר זענען צושוידערט פון דער שרעקליכער טראגעדיע. זינט פאריגע וואכיגע פייער שטיצן מיר שוין הילף באמיאונגען און מיר האבן חשק זיך אנצושליסן מיט ניו יארק סטעיט צוצושטעלן פאר דער קאמיוניטי מיט די איבעריגע הילף אין וואס עס נויטיגט זיך. פון היינט און ווייטער, וועלן מיר פארזעצן ווייטער צו טון אלץ וואס מיר קענען צו העלפן איינוואוינער זיך אומקערן צו זייערע היימען אדער געפונען א נייע פלאץ צו וואוינען.״

פריער דעם וואך האט דער מעיאר׳ס פאָנד פאר אוואנסירן ניו יארק סיטי׳ס האט אוועקגעשטעלט דעם *בראנקס פייער פארלייכטערונג קאסע* צו שטיצן די אפעקטירט דורך דעם פייער. אין צוגאב, טוען די בראנקס קאמיוניטי פאנדעישען, און דער גאמביאנער יוגנט ארגאניזאציע שאפן געלט צו שטיצן די געברויכן פון די פייער קרבנות.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך אויסשרייבן